מכון טעמו וראו
גילוי רצון ה' למעשה

# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן
פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

• גיליון עב - ויחי תשפ"א •

## פרשת ויחי

בסייעתא דשמיא, מיר שטייען פרשת ויחי. אין פרשת ויחי איז דא די סוגיא, פון יעקב אבינו ווי ער זאגט אן די קינדער פארן אוועק גיין פון די וועלט, און אויך די פטירה פון יעקב אבינו.

### "שבק חיים לכל חי"

איך וויל רעדן א נושא, וואס איז נוגע פאר אונז אלעמען, יעדן איינעם, דער נושא וואס רופט זיך ווען א צדיק גייט אוועק פון די וועלט, א איד גייט פון די וועלט, און אפילו פון אידען וואס זענען שוין אוועק פון די וועלט פון לאנג. ווערט דאס אנגערופן "שבק חיים לכל חי" ער האט איבערגעלאזט די לעבן פאר די אלע לעבעדיגע.

וואס הייסט דאס ער לאזט איבער זיין לעבן פאר אלע לעבעדיגע? עס איז דא א באוויסטע בריוו וואס די הייליגע בעל התניא האט געשיקט אויף ארץ ישראל, היות ער איז גיוועזן א תלמיד פון דעם רבי'ן רבי מנדל'ע וויטעפסק'ער, און נאך דעם וואס דער ר' מנדל'ע וויטעפסק'ער איז אוועק האט ער געשיקט א בריף צו די תלמידים און דאס איז געדריקט אין אגרת הקודש, אגרת כ"ז, און ער פארברייטערט די זאך, אז דער יסוד איז: ווען א צדיק גייט אוועק פון די וועלט, לאזט ער איבער זיין כוח אויף די וועלט. און יעדער איינער וואס טשעפעט זיך צו, צו זיין הנהגה, למשל, דער צדיק האט אויסגעלערנט דער און דער מנהג. אדער דער צדיק האט געקאכט אין שבת, אדער אין חסד. און ער איז דבוק, ער טשעפעט זיך צו צו די זאכן וואס דער צדיק האט געלערנט, באקומט ער דעם כוח פון דעם צדיק, דער חן פון דעם צדיק, וואס איז געווען ווען ער האט געלעבט - באקומט דער חי, די מענטש וואס לעבט באקומט דאס.

דעם כוח פון דעם צדיק, באקומט דער חי

און דאס דארף נישט דווקא זיין יעצט, טאמער דער צדיק איז יעצט אוועק. למשל, ווען דער סקולענ'ער רבי איז אוועק, זענען געזעצן א קבוצה יונגעלייט און זיי געבן מיר א פרעג 'נו, וואס דארף מען יעצט טועהן?!' זיי זענען געווען זייער פארלוירן און צובראכן. האב איך זיי געזאגט: 'די ערשטע זאך וואס מ'דארף טועהן, איז נעמען די זאכן וואס ער האט געקאכט אין טועהן חסד פאר אידישע קינדער. וכו' וכו'. זיך אפלערנען און דאס אויספירן, ווייל ער האט איבערגעלאזט א חלל - אז ס'קוקט אויס אז ס'איז ליידיג געווארן די וועלט, די עבודה. און אונז זענען דאס משלים, און נאך מער, די לעבעדיגע באקומען זיינע כוחות .

דאס איז סיי ביי א צדיק וואס גייט אוועק, סיי ביי א טאטע וואס גייט אוועק. אדער יעדער מענטש, אפילו א חבר, וואס דו ביסט זיך מתבונן אין זיינע זאכן, איז דא א מצווה פון "אחד מבני החבורה שמת, ידאגו כל בני החבורה" - וואס דארף מען דאג'ען? צו אנפילן דעם לאך וואס איז געווארן, דעם חלל וואס איז געווארן דאס דארף מען צוריק אנפילן.

און נאך מער, אפילו איינער גייט און ער איז זיך מדבק אין די מעשים פון אן עלטער זיידע וואס איז שוין נפטר געווארן פאר 200 יאהרן צוריק - ווערט אויך די זעלבע זאך, ער באקומט דעם כוח פון דעם עלטער זייד'ן, און ער דערוועקט דאס, אין די דורות שפעטער באקומען דעם כוח און די דביקות אין דעם אויבערשט'ן וואס יענער האט געהאט - און מען באקומט דאס אויף א גרויסן אופן.

### "מעשה אבות סימן לבנים"

צום ביישפיל, ס'איז דא א מאל וואס מ'זיצט ביי א סעודה פון א יארצייט, פון א זיידע, פון א קרוב, פון א באבע, פון א באקאנטער, אדער אפילו פון א רבי, וואס איז שוין געווען דעם זיידע פון דעם היינטיגע רבי. און מ'רעדט א נקודה, מ'דערוועקט זיך צו די מעשים וואס ער האט געטועהן - דאס אליין ברענגט אז דער מענטש באקומט אויכעט כוחות פון יענעם צדיק, כוחות פון דעם זיידן כוחות פון די באבע, וואס זי האט אריינגעשיינט דעם אויבערשט'ן אויף די וועלט - באקומט די מענטש, די כוחות.

מיר טרעפן, דער רמב"ן פארברייטערט אסאך אין חומש בראשית אויף דעם ענין פון "מעשה אבות סימן לבנים". די מעשה אבות דאס געבט די כוחות פאר די בנים, אז זיי דארפן אפילו גיין אין גלות, ווייל אברהם אבינו איז אראפ אין מצרים וכו' וכו'.

ס'איז דא א סארט לשון אין גמרא, איינער פרעגט פארן צווייטן, אין גמרא אין 'כל כתבי': "אביך במאי זהיר טפי" - וועלכע הנהגה האט זיך דיין טאטע מער געפירט - דאס וועקט אויף א נקודה.

### "התדבקות רוחו ברוחו".

מ'וועט זעהן נאך א זאך, וואס איז זייער אינטרעסאנט, זייער ענדליך צו די נקודה, און מ'וועט דאס קענען פארשטיין: מיט די ווערטער וואס מיר טרעפן, ווי דער הייליגער

׳מאור עינים׳ זאגט, אז ווען מ׳לערנט תורה פון א צדיק, א ספר פון א צדיק, איז דאס א בחינה פון "התדבקות רוחו ברוחו".

אזוי ווי, ווען א מענטש קומט צו א ציון פון א צדיק, איז דא אזא זאך "כוונת השתטחות". א ציון הייסט א נפש, איז דא אזא זאך "התדבקות נפשו בנפשו" א מענטש באקומט א הארה פון דעם נפש פון צדיק. אזוי איז אויך דא אזא זאך, אז ווען מ׳לערנט א ספר פון א צדיק, זאגט דער הייליגער ׳מאור עינים׳ - באקומט מען "התדבקות רוחו ברוחו" - באקומט מען דעם רוח פון צדיק. כמעט די זעלבע סארט בחינה ווי מ׳האט פריערט גערעדט, אז "שבק חיים לכל חי", ער וועקט אויף יענעמ׳ס כוח אין די מענטש. ווען דו לערנסט די תורה וואס יענער האט אראפ געברענגט - ברענגסט אראפ יענעמ׳ס תורה, ער וועקט אין דיר יענעמס כוח. און יענעמס כוח ווער ערוועקט אין דיר, און ס׳ווערט א בחינה אזוי ווי השתטחות וואס "נפש בנפש" ווערט "איתדבקא רוחו ברוחו" - דעם רוח פון צדיק, ווייל אין דעם ספר פון צדיק ליגט דער רוח, דער כוח וואס דער צדיק האט אריינגעלייגט ווען ער האט געזאגט די תורה פון דעם ספר וואס איז געשריבן געווארן.

### די גרעסטע עליית נשמה

היוצא מדברינו למעשה, ס׳שטעלט זיך אסאך מאל אויס, אמאל ביי א יארצייט סעודה, מ׳לערנט א ביסל משניות, מ׳דערציילט א מעשה, און מ׳גייט ווייטער... מ׳כאפט נישט... - ווען מ׳וואלט דאס אויסגענוצט, און נישט דווקא ביי א יארצייט (א יארצייט איז פשוט א העכערער טאג) סתם אזוי, אמאל וויל א מענטש מעלה זיין א נשמה פון א חבר.

ס׳האט זיך מיר אויסגעשטעלט אין ירושלים, איך בין געזעצן אין א בית מדרש, האבן מיר צוויי אידן געזאגט: ׳א חבר אונזערער, פון 60 יאר, איז נפטר געווארן, היינט איז געווען די לוויה. וואס זאגסטו?׳ האב איך זיי געזאגט: ׳די איינציגסטע זאך וואס איך האב אייך צו זאגן, נעמט׳ס זיינע מידות טובות, די גוטע זאכן וואס די חבר האט זיך געפירט, און איר וועט זיך דאס פירן - דאס איז די גרעסטע עליית נשמה, מער ווי צו רעדן די אלע פרטי פרטים... (מ׳רעדט אלעמאל, פארוואס איז ער נפטר געווארן... ווי אזוי איז ער נפטר געווארן... וואס האט ער געהאט... וואס האט ער נישט געהאט... וויפיל צייט האט ער דאס געהאט... און ווי האט ער דאס געהאט...), די אלע פרטי פרטים, וואס דאס איז נישט מעלה און נישט מוריד פאר די נשמה - ס׳איז גארנישט מיט נישט.

### לערן זיך פון זיינע מעשים

אזוי ווי דו פארשטייסט אז דו וועסט לערנען משניות לעילוי נשמתו, האסטו מעלה געווען זיין נשמה. זאגסט א ׳קדיש׳. לערן זיך פון זיינע מעשים, זיי משלים דעם חלל פון דעם חבר.

דער אויבערשטער זאל העלפן, אלע זאל דערלעבן ביז 120 יאר. אבער יעדער איינער האט קרובים, און דער מענטש לעבט נישט אייביג. יעדער איינער האט א רבי פון וועמען ער האט געלערנט, און אין וועמען דרכים ער גייט. זוכן אלעמאל די נקודה וואס מ׳דארף זיך קאכן - אזוי לערנט מען זיך אפ פון עהם, אמאל איז דאס פון זיין תורה, פון זיינע מעשים, פון זיינע מנהגים, זיין ׳בין אדם לחברו׳, זיין ׳בין אדם למקום׳ - די מינוט וואס מ׳קאכט דאס אויס, איז ממש ווי ער בלייבט לעבן, "יעקב אבינו לא מת", "מה זרעו בחיים, אף הוא בחיים" - א יסוד, און דאס איז אלעס ווען מ׳גייט אין דעם וועג פון- "למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה׳ לעשות צדקה ומשפט".

יעדער זאך, וואס מ׳לערנט זיך פון א צוויטן וואס ער איז שוין נישט אויף די וועלט - איז מען מעורר יענעמ׳ס כוח, און מ׳באקומט יענעמ׳ס כוח צו ממשיך זיין אין זיך.

### *"ברוחך פי שניים".*

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, עס זאל זיין נאר שמחות ביי אידן, אבער אונז זאלן באמת מעלה זיין די אלע נשמות, און באקומען די כוחות פון זיי. מ׳גייט מיט א כוח פון א צדיק. די מינוט וואס מ׳מאכט נאך די מעשים פון דעם צדיק, און מ׳באקומט זיין כוח, איז שוין **אינגאנצן** אן אנדער כוח.

מיר טרעפן ביי אליהו הנביא אז זיין תלמיד האט עהם געבעטן, ביים אוועק גיין פון די וועלט, אז ער זאל האבן "ברוחך פי שניים". אלישע האט געבעטן די רבי זאל עהם געבן א טאפלטע כוח - און ער האט עם דאס געגעבן.

חז"ל זענען דאס מפרט, בעצם דער תלמיד קען באקומען אמאל אזא כוח, וואס דער רבי האט נישט געקענט מגלה זיין, און נישט געברענגט אויף די וועלט. איז דער תלמיד ווען ער באקומט דעם כוח פון רבי׳ן, קען ער נאך מגלה זיין אסאך מער.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, מ׳זאל זיין דבוק אין דרך וואס מ׳האט אונז געלערנט, און באמת מגלה זיין דעם אויבערשט׳ן אין אונזערע כוחות, און צאמנעמען אויכעט די כוחות פון צדיקים, פון אונזערע זיידעס, פון אלע אידן. און גליבן אז אונז באקומען דעם כוח, וועלן אונז בעז"ה האבן די זכייה דאס טאקע אויסניצן.

# הכנה אויף די ימי השובבי"ם

### די גרויסע התעוררות אין אלע ישיבות

אין די קומענדיגע טעג גייען מיר אריין אין די ימי השובבים, פרשת שמות וארא וכו׳, אין אלע ישיבות, אלע שוהל׳ן איז דא א גרויסע התעוררות, די הייליגע של"ה הק׳ קאכט, ס׳איז א וועלט!

ס׳איז ידוע ביי די צדיקים די גרויסע התעוררות ביי די שובבים תורות, אבער פרעגט זיך א קשיא, פארוואס ביי אסאך בחורים, אויך יונגעלייט, און עלטערע, מ׳נעמט דאס אן מיט זייער אן ערנסטע אוירה, אבער אויכט עפעס אביסל מיט אן אנגעצויגענע אוירה, און אפילו במדה מסויימת אזא סארט ׳נישט אזוי גישמאק׳ ווי מ׳ווערט דאס אנרופן.

### *ימי השובבים*
### *מיט די נעימות פון די ימי השובבים*

וואס איז די סיבה וואס ס׳גייט אריבער אויף אידן די ימי השובבים נישט מיט די נעימות פון די ימי השובבים? נישט מיט די זיסקייט! נישט מיט די גרויסקייט! און פארוואס איז די חשק נישט אזוי גרויס,

פארוואס?

מ'וועט ברענגען אפאר משלים וואס וועט אסאך העלפן די נקודה, ס'דא טעג אין יאר וואס די מענטש איז איהם זייער שווער צו ארבעטן אזוי ווי ערב יום כיפור און אזוי ווי ערב פסח, און אף על פי כן איז דא שוחטים וואס ארבעטן שעות און שעות ערב יום כיפור, אפילו נאכמיטאג וואס מ'ברענגט זיי פון די מוסדות צו שחט'ן, און זיי ארבעטן, די זעלבע זאך ס'דא מענטשן וואס ארבעטן ביי מצות ביז כניסת החג שטייען זיי ביי די אויוון און זיי טוען, פארוואס ס'דאך זייער שווער? אבער אויף אזא טאג צאלט מען זייער אסאך, און זיי ווייסן אז סוף טאג וועלן זיי האלטן געלט וואס אינמיטן יאר ארבעטן זיי ביי מצות א האלבן חודש, באקומען זיי דא אין איין טאג, און ווייל צום סוף ציילן זיי די געלט, און זיי דארפן צוקומען צו די געלט, אזוי האט די אייבישטער צוגעפירט, שטייען זיי און ארבעטן אויך אין נישט באקוועמע צייטן, און ארבעטן, וואס א צווייטע קען נישט אנהייבן צו פארשטיין, איך פארשטיי נישט ערב פסח נאכמיטאג האט ער צייט זיך צו אוועק שטעלן ביי א אויוון?! אבער ווייל די מענטש ווייסט אז צום סוף גייט ער ארויס מיט עפעס קוקט ער אוועק זיין באקוועמליכקייט און ער טוהט דאס.

### *תשובה בשמחה, שובבים בשמחה*

איינער פון די זאכן וואס עס פעלט אונז ווען אונז טוען תשובה איז אז מ'מאכט נישט תשובה בשמחה, מ'איז נישט מקבל דעם שובבים בשמחה, ווייל ס'פעלט אונז די סך הכל, אזוי ווי עס איז דא א הלכה א איד דארף מוצאי יום כיפור גלייבן און זיך פרייען אז מ'האט איהם מוחל געווען, וועגן דעם מאכט מען א סעודה, עד כדי כך אז א איד וואס ח"ו איז מפקפק אין די מחילה, ווערט געברענגט אז ס'קען אפ'פרעגן די יום כיפור ווי מ'רופט דאס, מ'האט איהם מוחל געווען, און ווייל ער טראכט מפטירין כדאתמול, איך בלייב די זעלבע דוד ווי פריער, ווייל איך ווייס דאך שוין פון פאריאר, און ער גייט אריין אין אזא סארט יאוש ווי קען זיין אז מ'האט מיר מוחל געווען, כ'האב זיך שוין אזויפיל מאל איבער געבעטן? אויב ער לעבט חלילה אין די נקודה 'יא? מ'האט מיר טאקע מוחל געווען ?, ווערט געברענגט זייער הארבע זאכן אויף דעם.

קומט אויס, איינע פון די זאכן איז וואס אונז האבן נישט קיין חיות און א שמחה אין די ימי השובבים, ווייל ווען ס'האט זיך גע'ענדיגט די שובבים פאריאר האט מען נישט געמאכט א סך הכל, יא! איך האב ב"ה מתקן געווען מיין שובבים.

### *וואס הייסט דאס 'מתקן זיין',*

נאך א זאך וואס מ'ווייסט נישט, וואס דאס הייסט 'מתקן זיין', פארעכטן אין רוחניות, אונז שטעלן דאס צו אזוי ווי פארעכטן אין גשמיות, אין גשמיות - א פאראכטענע כלי קאסט ביליגער, ס'האט שוין נישט די זעלבע ווערד, מ'קוקט שוין נישט ארויף אויף דעם ווי א נייע גאנצע כלי וואס איז געווען פון פריער, אבער באמת אין די תיקון פון רוחניות איז **"אינגאנצן אן אנדערע זאך"**, אזוי ווי אונז ווייסן אז תשובה קדמה לעולם, איז ווען א מענטש טוהט תשובה גייט ער ארויף אין א העכערע דרגא פון די וועלט, ווען איינער האט נישט מקלקל געווען, ער איז א דבר השלם, האט ער די ערשטע שלימות וואס ער האט געהאט, שוין און ער איז צופרידן מיט דעם שלימות,

### *תשובה קדמה לעולם*

א בעל תשובה זעהט אז ער קען נישט אליין, ער מוז אנקומען צום באשעפער, ער באקומט א שטיקל לב נשבר, און ער זעהט איך אליין קען נישט זיך איך מוז אנקומען צו די כוחות פון אייבישטן, און די מינוט וואס דער בעל תשובה טשעפעט זיך צו צו די כוחות פון אייבישטן באקומט ער טאקע גרעסערע כוחות פון פשוטע מענטשן, און דאס איז טאקע די סיבה וואס במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד, ווייל א צדיק גמור וואס האט קיינמאל נישט געזינדיגט, האט ער נישט דעם קשר צום אייבישטן פון דעם לב נשבר, אזוי ווי די בעל תשובה וואס ער פארלאזט זיך נאר אויף רחמי שמים ווייל ער ווייסט ער האט שוין נישט קיין אייגענע זכותים ווייל ער איז דורך געפאלן, באקומט ער אזא סארט קרבת אלקים און די אייבישטער באמת גיבט איהם א גרויסע כח פון די כח התשובה וואס איז קדמה לעולם וואס איז העכער פון דעם דבר השלם. ווען אונז וואלטן געוויסט וואס דאס הייסט, אז נאך תשובה טוהן באקומט מען אזא קרבת אלקים, וואלט מען באמת נאכן תשובה טוהן געשטאנען אין א העכערע דרגא,

### *מען זעהט נישט קיין נקודת הצלחה*

א דריטע זאך וואס איז די ענין פון שובבים, אונז לעבן אין א וועלט, וואס אין די וועלט איז די הצלחה דאס איז די עיקר, מ'וועט דאס מסביר זיין, אפילו אין אונזער רוחניות'דיגע וועלט גייט דאס אויך שטארק אריין, 'ער האט געלערנט', 'ער האט זיך פארהערט', 'ער האט אנגעיאגט כך וכך שעות', אפילו אין שובבים אז מ'מאכט כך וכך שעות, דאס טוהט עס, האב איך עפעס אין האנט, איך האב שעות, איך האב א בחינה, איך האב הצלחה, איך האב דעגרייכט עפעס, אבער ביי תשובה א מענטש האט נישט וואס צו אנטאפן, ער איז פול מיט ספיקות וואס האב איך דעגרייכט? וואס האב איך אנגעיאגט? וואס האב איך געמאכט? ער זעהט בכלל נישט קיין נקודת הצלחה, ווייל ווען א מענטש טוהט תשובה בסך הכל שטעלט ער זיך אוועק, ער איז זיך מתוודה, ער קערט זיך אים, נא.. ער וויל זעהן הצלחה, ער האט בכלל פאר וועם צו פארקויפן די הצלחה? וואס ער קען איהם זאגן אה, ב"ה איך האב תשובה געטוהן? און וואס איז יעצט ? ער פארציילט נישט קיינעם ער האט געזינדיגט, ער פארציילט נישט קיינעם ער האט תשובה געטוהן, ער מאכט נישט קיין עסק פון דעם, ער האט נישט פאר וועמען צו פארקויפן די הצלחה,

### *"יעדע מינוט איז ער עוסק אין תיקון העולם",*

און באמת דארטן ליגט די אמת'ע חלק פון דעם איד, די הויפט חלק פון דעם איד ליגט דא אין די מקום התשובה, וועל איך מסביר זיין, ס'איז ידוע די יסוד פון אר"י הק' אז די גאנצע צייט וואס א איד לעבט אויף די וועלט, די גאנצע צייט "יעדע מינוט איז ער עוסק אין תיקון העולם", לתקן עולם במלכות שקי, צו ס'איז מיט עסן, גיין, שלאפן, יעדע מינוט, איז די טייטש, ס'איז געווען א קלקול, ס'איז געווען א פראבלעם, ס'איז א פראבלעם, און ער פארעכט די פראבלעמען, ער האלט אין איין פארעכטן, ער וועט פון קיינער נישט באקומען קיין תעודה פארן פארעכטן די פראבלעמען, דאס געהערט נישט צו די עולם פון הצלחה, ס'איז פארקערט אינגאנצן פון די גאנצע סדר העולם, די סדר העולם איז חיצוניות, בפרט להבדיל די גויאישע וועלט,

איז די מענטש ער האט געארבעט צען יאר צו אנקומען צו א זאך, די צען יאר איז כאילו גארנישט, ער איז אנגעקומען צו א זאך, ס'איז נאר צו זאגן אז די צען יאר האט איהם געהאלפן צו אנקומען צו די זאך, אבער נישט די צען יאר איז די זאך, די אנקומען איז די זאך, און רוב מאל ווען די מענטש האט געארבעט אויף א זאך און ער איז נישט אנגעקומען וועט ער זיכער באהאלטן די גאנצע הארוואניע וואס ער האט געארבעט ווייל ער האט דאך נישט מצליח געווען.

### אין רוחניות איז פונקט פארקערט ווי ביי גשמיות

אין רוחניות ווי די אר"י הקדוש לערנט אונז אויס איז פונקט פארקערט, יעדע מינוט פון די לעבן פארעכטו, דו האלסט אין איין פארעכטן, נישט אלעמאל וויסטו וואס דו האסט פאראכטן, בעסער געזאגט כמעט קיינמאל וויסטו נישט, האסט נישט פאר ווענען זיך צו גרויסהאלטן מיט דעם, דו האסט גארנישט, די הצלחה חיצונית וואס קאכט אין די וועלט האסטו בכלל נישט.

וועט מען צוריק גיין צו דעם, אונז שטעלן זיך אוועק אמאל נאך א שובבים וואס האסטו אנגעיאגט? איז איינער זאגט איך האב אנגעיאגט כך וכך שעות רצופות, א צווייטע האט אנגעיאגט כך וכך דפי גמרא, ער האט געזאגט תהלים, ער האט געטוהן די אלע מעשים, די אלע מעשים איז נאך נישט די נקודת התשובה אליין, וואס דו האסט דאס נישט פאר ווען צו פארקויפן, און אסאך מאל פאר זיך אליין פארקויפסטו דאס אויך נישט, דאס טייטשט דו ביסט נישט צופרידן אה! ב"ה איך האב געלערנט, איז וואס? און יעצט בין איך א אויסגעוואשענע נשמה, 'יעצט איז דא א נייע דוד אויף די וועלט', ס'דא א דוד וואס האט געלערנט כך וכך שעות, און באמת ויגבה לבו בדרכי ה', כ'האב יעדן טאג געזאגט תהלים, כ'האב געפאסט לאמיר זאגן דאנערשטיג, כ'האב געטוהן אלע פעולות, אבער פון די אלע פעולות דארף נישט ארויסקומען די 'הצלחה' פון די פעולות, ס'דארף ארויסקומען די יסוד די 'אמונה' און גלייבן אז איך פאריכט, מיין גאנצן לעבן איז געשטעלט אויף פאריכטן, און בפרט די טעג שובבים אזי די זמן 'מסוגל' צו פארעכטן כל מיני זאכן.

### ויגבה לבו בדרכי ה'

מען דארף מכיר זיין אז א פאראכטענע זאך איז מער ווערד ווי א נייע זאך, דאס דארף מען אויכעט קענען מכיר זיין אז מ'גייט דא ארויף א מדריגה, וואס אין די חיצונית'דיגע וועלט, אין די גשמיות'דיגע וועלט, אין די הצלחה'דיגע וועלט, אין די וועלט פון דעגרייכן מיט בחינות, מיט די אלע זאכן וואס אונז לעבן אין דעם, איז דאס נישט קיין זאך צו פארקויפן, א פאראכטענע זאך פארקויפט מען נישט, דערצייל אפילו נישט אז דו ביזסט א בעל תשובה, פארקויף עס נישט, אבער וואס קומט ארויס - אונז דארפן אריינגיין אין שובבים תשובה מתוך שמחה, אז אונז האבן די זכיה צו פארעכטן, אונז האבן די זכיה זיך צו פארען מיט די זאך וואס איז מתקן דעם גאנצן יאר ווי די אר"י הקדוש איז מסביר האלט מען אין איין פארעכטן,, די גאנצע מושג אז ס'איז נאך דא, און נישט אז אין זעקס טעג איז מתקן געווארן די בריאה, נאר אז ס'געווען א פגם אין די בריאה און יעצט איז זעקס טויזנט יאר, מיט די גאנצע השתלשלות מיט די גאנצע זאך, און שטייט מען יעצט און מ'ארבעט שטארק לתקן עולם במלכות שקי, די טעג איז נאר מסוגל, אבער אריינגיין אין דעם דארף מען מיט א גרויסע שמחה אז מ'וועט דעגרייכן, און אפילו מ'וועט זיך שלאגן און ס'וועט נישט אלעמאל גיין די חמש שעות אין די ישיבות, צו די שלש שעות אין די ישיבות, צו די תהלים זאגן פארטאגס, צו די פאסטן יעדע איינער מיט די כוחות וואס ער לייגט אריין אין דעם, אבער איך פארע זיך מיט א זאך וואס איך האב נישט פאר וועמען זיך גרויס האלטן, פארקערט, איך פארע זיך מיט דעם תיקון העולם.

### חנון המרבה לסלוח

אז מ'וועט בעז"ה אריינגיין אין דעם שובבים בשמחה, וועט מען ארויסגיין נאך אסאך מער בשמחה, און מ'וועט גיין מוסיף והולך פאר א גאנץ יאר, און ווען ס'וועט קומען נאך א שובבים וועט מען ווייטער ארבעטן, און מ'וועט דאס שפירן אפילו אמאל אינמיטן יאר, ער שטעלט זיך אוועק, ער איז זיך מעורר אין תשובה, ער גייט אריין אין די עולם התשובה, און ער קומט ארויס צופרידן, ווייל ער איז מאמין, "ברוך אתה ה' חנון המרבה לסלוח".

די אייבישטער זאל העלפן אונז זאלן באמת לעבן אין דעם.

## טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'


### כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"



**להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות**

**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**

**טל: 050-417-0448**



### א פרייליכע מעלדונג

**די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:**

**ארץ ישראל - 02-5368970**

**ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488**

**הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן**

### ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"

**שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1**